# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

Vol. XXIII Nos. 11 - 12
JULY - AUGUST, 1941

# *LUBAVITCHER RABBI CALLS FOR REPENTANCE.*

# *"GO OUT TO WELCOME THE MESSIAH!"*

*In a sensational Call, such as has not, to our knowledge, ever before appeared in American journalism, one of the most famous Rabbis of the world, Rabbi Joseph Isaac, known affectionately and reverently by the Jews of the world as the Lubavitcher Rabbi, the leader of countless thousands of the Chasidic movement in Europe and in America, takes more than half a page of the Jewish Morning Journal of May 26, 1941, in which to make a heart-searching and staggering announcement that the Messiah is about to make His appearance, and that Israel must now respond to the drum beats of repentance and a new awakening. Here are some of the high-lights taken from the Rabbi's astounding Call:-*

## A CALL FROM THE LUBAVITCHER RABBI

### TO IMMEDIATE REDEMPTION

A fire rages over the whole world and threatens to destroy, God forbid, more than two-thirds of the Jewish people, and nobody can guarantee that the fire will not reach here in the New World. The call of the local spiritual leaders to repentance....meets with a very small response.

### TWO FIRES

While in the Old World a fire is raging which destroys the Jewish body, here in America another fire is destroying the Jewish soul. The usual coldness and indifference of the American Jews towards "The Law and the Faith" has become, as a result of the fire raging in the Old World, a silent fire of agnosticism. The awful havoc of European Jewry has brought our Jewry to infidelity; they fail to see that God cares for His people; they think only of how to help the cause of democracy with money or even a Jewish army, but do not think about repentance and prayer. They reason falsely that if God did not save Jewry of Europe, which was more believing, then there is no use for American Jewry to try and become more pious, as their spiritual leaders ask them.

### THE CALL OF TRUTH

Thus, those appealed to, remain deaf. But this deafness is also a result of the failure of the spiritual leaders to resound the call of our sages, blessed be their memory: **"When punishments come into the world, look for the feet (approach) of the Messiah."** They have neglected to tell to the Jewish masses about one of the foundations of Judaism which is: "I believe in the coming of the Messiah", and that **before the Messiah comes we must expect just such tribulations as we are** passing through now. To all appearances it may be that these are the birth throes of the Messiah before the Salvation of Jewry comes.

Indeed, this is no mere pious hope or vain consolation, but a fact. The Jewish people are suffering the "afflictions (travail) of the Messiah;" the perfect Salvation is just behind our backs, and among our Jews in this country there is a confusion of thought, just as our sages have foretold: **The Messiah, the Son of David, will come amidst confusion of thought, entirely unexpected.**

Even in the best Jewish homes the faith in the coming of the Messiah is treated like a fairy tale. The Jewish people live in the period of tribulations preceeding the coming of the Messiah. We have already overlooked the "beginning of the Messiah" period by a few decades; now **we must repent for having failed to repent** and for having caused the tribulations of the Messiah's time to come upon us. They may become even worse if we fail to correct our blunder.

### NEW TIMES — NEW DUTIES

The Angel of Destruction has come to destroy all that is evil and treacherous in this world. He must not find among us Jews the old way of treacherous actions and the old lukewarm way of repentance. Now the call must be a stirring awakening to welcome the Messiah—our Righteousness.

Let us stop hiding ourselves under the cloak of a lukewarm piety, lukewarm religion and lukewarm religious parties. We now need an awakening to have a clean heart, a clean thought, a clean house, clean schools of religious instruction, a clean family and a seeking to bring our children "To the Law and Faith."

Without the sincere "wash you, clean you" our weapons of repentance, prayer and fastings are useless.

Without the readiness of the community of Israel to be the Holy People, to go out to welcome the Messiah, we may appear, God forbid, in the eyes of the Angel of Destruction no better than all other nations.

This we must instruct our children, explaining to them the meaning of "Immediate Salvation" and to awaken in them a flaming desire to be prepared for the Perfect Salvation."

**"Immediate Redemption."** Let this be our greeting when we meet each other, explaining to the uninitiated the meaning of these words.

**"Immediate Redemption."** This is the answer to the question, "Why is God silent?" He is not silent. He keeps warning us, waking us, He wants to save us. In His mercy He has so far spared "the remnant" which is in this country. Our future is now entirely in our own hands!

### OUR CALL AND OUR WARNING

**"Immediate Redemption** . This is not merely a way of comforting those who despair. This is our Good Tidings (Gospel) concerning a real "Salvation about to come."

**"Immediate Redemption."** Be ready for instant Salvation. It is approaching with hasty steps. The Righteous Redeemer is just behind the wall and the time to get ready to welcome Him is extremely short! Israel will soon, yea in our days, be blessed with perfect redemption. This appeal is a warning to every Jewish individual to beware lest he, God forbid, be excluded from the community of Israel.

**"Immediate Redemption."** This is our cordial wish for every Jew. This is our call and warning.

With the blessing of the Torah and with love for Israel,

Joseph Isaac

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y. Entered as Second Class Matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3,1917. **Authorized December 30, 1937.**

## OUR REPLY TO THE LUBAVITCHER RABBI

By Rev. VICTOR BUKSBAZEN

The Lubavitcher Rabbi is a prominent orthodox leader of Jewry, formerly from Russia, and now living in the United States. His call is a flaming expression of his faith that the coming of the Messiah is imminent, and that Jewry must repent and turn to God, even at this late hour, and get ready to welcome the Meshiah ben David. Strangely enough, two thousand years ago a far greater Jew, John the Baptist by name, suddenly appeared out of the wilderness, crying, "Repent ye, for the Kingdom of Heaven is at hand!"

The Rabbi gives a shattering analysis of Jewish religious life, both among leaders and masses. He calls with a stern voice to his brethren to wake up from their spiritual sleep and to cleanse their souls from all sin for the coming of the Messiah.

### THE RABBI IS ON THE WRONG ROAD

But we would now appeal to the Rabbi on the most vital point. We know that according to the Word of God, the Messiah our Righteousness, hoped for with such longing hearts by the Rabbi and all true Jews, **has already come** in the Person of our blessed Redeemer Jesus, the Messiah ben David! Dear Rabbi, we appeal to you to examine the Holy Scriptures in regard to what they have to say about the Messiah, and see whether those prophecies were not fulfilled in the Book of the New Testament. Throw aside traditional prejudice, for you more than anybody else know that the life of our people Israel is at stake. We have already suffered almost beyond endurance for having rejected the Messiah whom God sent to us, even the Lord Jesus Christ. Shall we go on blinding ourselves to the Truth until we perish? God forbid!

### INFALLIBLE PROOFS

The Word of God proves conclusively that Jesus Christ is the Messiah and Redeemer of Israel. To our father Jacob it had been revealed that the Messiah would come before the earthly kingdom and power departed from Judah:

> "The sceptre shall not depart from Judah, nor a law-giver from between His feet, until Shiloh come; and unto Him shall the gathering of the peoples be." — Genesis 49:10.

You, dear Rabbi, know better than anyone that Shiloh is one of the names of the Messiah!

It is a fact that when the Messiah Jesus came, the political power of Judah was at an end. And when the Lord Jesus our blessed Messiah came, although He was rejected by His own, yet out of the nations countless millions gathered at His feet thus fulfilling this remarkable prophecy.

Even the manner of His appearance was foretold by the Holy Spirit and fulfilled in the Person of Jesus: "Therefore the Lord Himself shall give you a sign: Behold a virgin (almah) shall conceive and bear a son and shall call his name Immanuel". Isaiah 7:14. "Almah" in Hebrew means "virgin", as any Hebrew scholar knows. Thus the Redeemer of Israel was born according to God's plan, from a virgin, and came into this world as a little child, thus fulfilling another prophecy contained in Isaiah 9:6,

> "For unto us a child is born, unto us a son is given, and the government shall be upon his shoulder; and his name shall be called Wonderful, Counsellor, The Mighty God, The Everlasting Father, The Prince of Peace".

Here God Himself calls the Messiah "The Everlasting Father, The Prince of Peace". How much would we like to enlarge upon this blessed theme concerning the deity of our Saviour, but we must press on with our examination.

The Holy Spirit told us clearly through the Prophet Isaiah in the amazing 53rd chapter that the Saviour of Israel would be "A man of sorrows and acquainted with grief" Isaiah 53:3. This chapter has always been understood by our sages of old as applying to the Messiah our Righteousness. Only in later years when the believers on Jesus Christ pointed out the fact that Jesus fulfilled that vision of the suffering Messiah as foretold by the prophet Isaiah, did some of our Jewish commentators seek to explain away this embarrassing chapter by saying that the prophet spoke concerning Israel! What a violation of truth and the plain speaking Word of God! How blindly have we rejected Him! But even this the Holy Spirit foretold:

> "He is despised and rejected of men; a man of sorrows and acquainted with grief; and we hid as it were our faces from him; he was despised and we esteemed him not. Surely he hath borne our griefs, and carried our sorrows; yet we did esteem him striken, smitten of God and afflicted". Isaiah 53:3, 4.

### THE CALL IN COLLAPSE

Your appeal is moving and has the ring of sincerity, but when you ignore the most surely established fact of the centuries that Jesus Christ is the true Messiah, the effectiveness of your call collapses. Our tormented brethren are heartsick with longing and looking for the Messiah, but He came long ago, and was not received by them. Is it any wonder that this faith in the Messiah has become, as you yourself complain, "a fairy tale" even in the finest Jewish homes and in the synagogues as well?

### HE COMES IN THE CLOUDS!

There is yet another point on which we both agree and differ. You look with longing eyes to the coming of the Messiah. So do we! But we know that when next He comes it will be for the second time, when He will appear in all His glory. We truly believe that His second coming is at hand, for He gave us the signs of His second coming: (Matthew 24 and 25).

Israel's Redemption is indeed at hand. But it can come only as we open our eyes and our hearts to accept the Messiah who already came, and who now is on the very threshold of His promised second coming. Then it will be, as prophesied by Zechariah,

> "I will pour upon the House of David and upon the inhabitants of Jerusalem the spirit of grace and of supplications; and they shall look upon me whom they have pierced, and they shall mourn for him as one mourneth for his only son, and shall be in bitterness for him as one that is in bitterness for his first-born." Zech. 12:10. "In that day there shall be a fountain opened to the House of David and to the inhabitants of Jerusalem for sin and for uncleanness". Zech. 13:1.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

Original work established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton Street

Brooklyn, N. Y.

### WHERE YOU MAY OBTAIN THE SHEPHERD OF ISRAEL

— MISSION STATIONS —

**UNITED STATES. New York:** Headquarters Building, 27 Throop Ave., Brooklyn. **Philadelphia, Pa.:** 717 Walnut Street, Harry J. Burgen. **Buffalo, N. Y.:** Hinson Memorial Chapel, 206 N. Park Avenue, Rev. A. B. Machlin. **Pittsburgh, Pa.:** 5843 Forbes Street, Rev. John Solomon. **Washington, D. C.:** 1316 Vermont Ave. N. W., Mr. Sanford Mills. **Des Moines, Ia.:** 1058-37th Street, Rev. Emil D. Gruen. **Seattle, Wash.:** 5105 Arcade Building, Rev. Walter Atkinson. **Denver, Col.:** 2136 Franklin Street, Rev. Herbert H. Amster.

**ABROAD: Jerusalem, Palestine:** Rev. Sigurd Biorness. Gospel Gate Room, Russian Compound. **Paris, France:** Rev. Andre Frankel, 123 Avenue de Maine. **Brussels, Belgium:** Pastor Otto Samuel, 7 Rue de Moniteur. **Vienna, Germany:** Mr. Emanuel Lichstenstein, 16 Seegasse. **Sydney, Australia:** Rev. Geo. E. Ardill, 145 Commonwealth Street.

### OUR MEETINGS

For July and August we discontinue our Friday and Sunday night Gospel meetings. We shall be busy with open air preaching. Look for us in Rockaway, in Coney Isand, in Columbus Circle, at Brooklyn Borough Hall.

Watch for our Announcements in September, of re-opening of our regular indoor services.

### אונזער אנטווארט

## צום לובאוויטשער רבי

פון רעוו. וו. בוקסבאזען.

דער לובאוויטשער רבי איז א באריהמטער חסיד'ישער פיהרער פון אידען. זיין "קול קורא" גיבט א פייערריגען אויסדרוק צו זיין גלויבען, אז אקארשט באלד קומט דער משיח און אז ישראל מוז תשובה טהון און זיך ווענדען צו גאט ב"ה, מיט חרטה. כאטש עס איז שוין אזוי שפעט, כדי גרייט צו זיין מקבל פנים זיין דעם הייליגען משיח בן דוד. עס איז מערקווירדיג, אז פאר 2000 יאר איז געווען א גרויסער צדיק וועמען מ'האט גערופען "יוחנן המטביל", ער איז פלוצים געקומען פון דער מדבר רופענדיג: טהוט תשובה, ווייל דאס מלכות השמים קומט גלייך.

דער רבי גיבט איין ערשיטערענדע אנאליז פון אידיש רעליגיעזען לעבען צווישען די מדריכים און אויך די ברייטע מאסען. ער רופט מיט איין ערענסטע שטימע זיינע ברידער זיי זאלען אויפוואכען פון זייער גייסטיגען שלאף און ריינינגען זייערע נשמות פון זייערע זינד איידער דער משיח קומט.

### האט דער רבי פארשפעטיגט דעם צוג ?

מיר ווילען דא אפעלירען צום רבין אין א לעבענס וויכטיגען ענין: מיר ווייסען, אז לויט'ן דבר ד' איז דער משיח אויף וועלכען אלע געטרייע אידען האפען און ווארטען מיט לעבצענדע הערצער, שוין לאנג געקומען אין דער פערזאן פון ישוע המשיח יתברך שמו. טייערער רבי, מיר רופען צו אייך און צום כלל ישראל, אז איהר זאלט נאכאמאל עקזאמינירען די כתבי הקודש וואס זיי זאגען וועגען דעם משיח, כדי פעסט צושטעלען ציי דאראזיגע נביאות זיינען שוין נישט מקוים געווארען, לויט ווי עס שטעהט אין ספר "ברית החדשה". למען השם ווארפט אוועק אלע פאראורטיילען, ווייל איהר, רבי, ווייסט בעסער פון דורכשניטליכען איד, אז דא האנדעלט עס זיך אין לעבען פון אידישען פאלק. מיר האבען שוין געליטען מעהר ווי מיר קענען פארטראגען, אלץ צוליעב דעם וואס מיר האבען פארווארפען דעם קדוש ישראל ישוע המשיח וואס גאט האט אונז געשיקט. זאלען מיר כסדר פארבלענדען אונזערע אויגען פאר'ן אמת ביז מיר וועלען חלילה לגמרי אונטערגעהן?

### אונפעהלבארע בעווייזען

דער דבר ד' בעווייזט אויף אן אבסאלוטען אופן, אז ישוע איז דער משיח און דער גואל ישראל. גאט האט אונז מגלה געווען דורך יעקב אבינו, אז דער משיח וועט קומען ווען די וועלטליכע ממשלה וועט אוועק גענומען ווערען פון יהודה אזוי ווי מיר לעזען אין בראשית מ"ט, 10: "לא יסור שבט מיהודה ומחקק מבין רגליו עד כי יבא שילה ולו יקהת עמים". ד"ה, עס וועט נישט אבגעטון ווערען דאס שבט מלוכה פון יהודה... ביז "שילה" וועט קומען און צו איהם וועלען זיך די פעלקער זאמלען. איהר, ליבער רבי, ווייסט זעהר גוט, אז "שילה" איז איינע פון די נעמען פון משיח. עס איז א היסטארישער פאקט, אז ווען ישוע המשיח איז געקומען איז שוין די פאליטישע מאכט אבגעטון געווארען פון יהודה און ווען ישוע המשיח איז געקומען בזמן הבית שני כאטש ער איז פארווארפען געווארען פון זיינע אייגענע ברידער זיינען דאך צו זיינע פיס געקומען אומצעהליגע מיליאנען פון די אומות העולם.

אויף דעם אופן איז די מערקווירדיגע נבואה פון יעקב אבינו מקוים געווארען. אזוי איז אויך מקוים געווארען וואס דער רוח הקודש האט פאראויס געזאגט אין ישעיה ז, 14: "הנה העלמה הרה וילדת בן וקראת שמו עמנואל". "עלמה" איז געמיינט א בתולה אשר לא ידעה איש, דאס ווייסט יעדער בר סמכא, בפרט נאך איהר רבי.

אזוי זעהען מיר, אז דער גואל ישראל איז געבוירען געווארען לויט'ן פלאן פון גאט, פון א בתולה, כדי ער זאל זיין תמים, בלא חטא. אויף דעם אופן איז אויך מקוים געווארען די נבואה פון ישעיה ט: "כי ילד ילד לנו בן נתן לנו ותהי המשרה על שכמו ויקרא שמו פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום". א קינד איז אונז געבוירען געווארען א זוהן איז אונז געגעבען געווארען... און זיין נאמען וועט זיין וואונדערבאר, ראטה, שטארקער גאט, עוויגער פאטער, פירסט פון פרידען. דא רופט גאט אליין דעם משיח "אל גבור".

מיר וואלטען וועלען מיט אונזער גאנצען הארצען זיך אויסאיינאנדער שרייבען וועגען דעם הייליגען ענין פון דער געטליכקייט פון גואל. אבער מיר מוזען פארטזעצען אונזער עקזאמען. דער רוח הקודש האט אונז דורך ישעיה הנביא געזאגט אין דעם מערקווירדיגען קאפיטאל נ"ג, אז דער גואל וועט זיין איין "איש מכאובות וידוע חולי". א מאן פון שמערץ און בעקאנט מיט ליידען. דאס קאפיטעל האבען די חז"ל תמיד פארשטאנען, אז עס געהט אויף דעם הייליגען משיח.

אין די שפעטערע יארען אבער ווען די מאמינים בישוע המשיח האבען אויפגעוויזען, אז ישוע האט ערפילט די וויזיאן פון ליידענדען משיח, האבען די אידישע קאמענטאטארען אנגעפאנגען צו פארטערשעווען דאס אונבאקוועמע קאפיטעל ישעיה נ"ג, זאגענדיג, אז דער נביא האט דערמיט געמיינט דאס פאלק ישראל. אזוי האבען מיר מיסברויכט דעם אמת פון דעם הייליגען דבר ד'. ווי בלינד זיינען מיר געווען ווען מיר האבען איהם דאמאלס פארווארפען! אבער אויך דאס האט אונז דער רוח הקודש פאראויס געזאגט: דארט אין ישעיה נ"ג, הייסט עס: "נבזה וחדל אישים איש מכאבות וידוע חלי וכמסתר פנים ממנו נבזה ולא חשבנהו: אכן חליינו הוא נשא ומכאבינו סבלם ואנחנו חשבנהו נגוע מכה אלהים ומענה: והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו". (ישעיה נ"ג, 3-5). ד"ה, ער איז געווען פארשעמט און אויסגעמידען פון מענשען, א מאן פון שמערץ און באוואוסט מיט קראנקהייטען, מיר האבען פארבארגען אונזער פנים פון איהם און מיר האבען איהם נישט געאכטעט; באמת ער האט געטראגען אונזער קראנקהייט און מיט אונזער שמערץ איז ער געווען בעלאדעט און מיר האבען איהם בעטראכט אלס איינעם וואס איז פון גאט געשלאגען געווארען און געפייניגט. אבער ער איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד... די שטראף פאר אונזערע פריעדען איז געלעגען אויף איהם און דורך זיינע וואונדען זיינען מיר געהיילט געווארען.

### קול קורא במדבר

אייער קול קורא ליבער רבי, איז באמת ריהרענד און קלינגט זעהר אויפריכטיג אבער ווען איהר לייקענט אב, אז ישוע איז דער אמת'ער משיח וועט אייער שטימע פערבלייבען א קול קורא במדבר. אונזערע פערשמאכטע ברידער זיינען שוין קראנק פון הארצווייטאג און פון בענקען אויף דעם משיח, און דאך איז ער שוין לאנג געקומען און זיינע אייגענע האבען איהם נישט אנגענומען. קאנט איהר זיך דען פארוואונדערן, אז דער "אני מאמין בביאת המשיח", איז געווארען, ווי איהר אליין בעקלאגט זיך, "ווי א באבע מעשה". אפילו אין די שעהנסטע אידישע היימען און אין די שוהל גופא!

### ער קומט אין די וואלקענס

עס איז נאך דא איין אנדערער ענין אין וועלכען מיר זיינען איינפערשטאנדען און אויך צו דערזעלבער צייט האבען מיר א חלוקי דעות דרין. איהר ווארט מיט א קלאפענדיג הארץ אויף ביאת המשיח, מיר אויך. מיר ווייסען אבער, אז ווען ער וועט קומען וועט עס שוין זיין צום צווייטען מאל, ער וועט קומען אויף די וואלקענס מיט זיין גאנצען פראכט און כבוד ווי דניאל הנביא בעשרייבט עס אונז. מיר זיינען איבערצייגט, אז זיין צווייטען קומען וועט באלד געשעהן, ווייל ער האט אונז געגעבען אלערליי סמנים פון זיין צווייטען קומען. (מתתיהו 24 און 25 קאפ.)

יא ליבער רבי, ישראל'ס גאולה וועט ווירקליך זיין במהרה בימינו אבער עס קאן נור געשעהן בתנאי, אז מיר וועלען אויפהויבען אונזערע אויגען און אונזערע הערצער צום אמת'ן משיח וואס איז שוין איינמאל געקומען און שטעהט איצט אויף דער שוועל פון זיין פאראויסגעזאגטען צווייטען קומען. יא, דאמאלס ווען מיר וועלען תשובה טהון אויף אונזער בלינדקייט, וועט געשעהן דאס וואס זכריה הנביא האט אונז פאראויס געזאגט אין קאפ. 10:12 און 1:13 "ושפכתי על בית דוד ועל יושב ירושלים רוח חן ותחנונים והביטו אלי את אשר דקרו וספדו עליו כמספד על היחיד והמר עליו כהמר על הבכור... ביום ההוה יהיה מקור נפתח לבית דוד וליושבי ירושלים לחטאת ולנדה". ד"ה, איך וועל אויסגיסען איבערן הויז פון דוד און איבער די איינוואוינער פון ירושלים דעם גייסט פון חן און געבעט און זיי וועלען צו מיר ארויפבליקען צו דעם וועם זיי האבען צושטאכען, און זיי וועלען איבער איהם קלאגען ווי מ'קלאגט איבער א בכור און איבער איהם טרוירען ווי מ'טרויערט איבער איין איינציג קינד. אין יענעם טאג וועט א קוואל אפען זיין צום הויז פון דוד און צו די איינוואוינער פון ירושלים געגען זינד און צו רייניגונג.

יא רבי, ווען מיר וועלען דורך חרטה און תשובה אונזער טראגישען פעהלער גוט מאכען וואס מיר זיינען בעגאנגען געגען אונזער משיח דאן וועט צו אונז קומען די באלדיגע גאולה. אהן ישוע וועלען מיר ווידער אנטוישט בלייבען און חס ושלום אונטערגעהן, ווייל גאט לאזט נישט פון זיך אבשפאטען אויף אייביג. הלואי זאלט איהר און כל ישראל אמן זאגען דערצו. וועט זיין שלום על כל ישראל.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אנכי הוא הרעה הטוב
יוחנן 10־11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד
יחזקאל ל״ד, 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

Vol. XXIII Nos. 11 - 12
JULY - AUGUST, 1941


# די סענזאציע פון דער שעה. דער ליובאוויטשער רבי רופט צו תשובה. געהט מקבל פנים זיין דעם משיח!.

אין א סענזאציאנעלען "קול קורא", אזאלכען — ווי ווייט מיר ווייסען — איז נאך ביז איצט נישט געהערט געווארען אין דער אמעריקאנער פרעסע, האט איינער פון די בארירהמסטע רביים, רבי יוסף יצחק, געשעצט און אלבעקאנט ביי אידען אין דער גאנצער וועלט, אלס דער לובאוויטשער רבי, דער מנהיג פון אונצעהליגע טויזענדער פון חסידים אין איירא פא און אין אמעריקא, האט ארויסגעגעבען אויף מעהר ווי א האלבע זייט פון אידישען מארגען זשורנאל פון 26־טען מאי, 1941, א געוואלטיגען אויפרוף, אז דער משיח קומט א ליאדע מינוט און אז אידען מוזען ענטפערן דעם רוף צו תשובה און צו א נייער ערוואכונג. מיר גיבען דא די וויכטיגסטע פראגמענטען פון רבין׳ס מערקווירדיגען אויפרוף ווי פאלגט:

## קול קורא פון׳ם לובאוויטשער רבי׳ן
## לאלתר לגאולה!

א פייער בושעוועט איצט איבער דער גארער אלטער וועלט, דראהענדיג צו פארניכטען, רחמנא לצלן, מעהר ווי צוויי דריטעל פון׳ם אידישען פאלק, און קיינער קאן נישט גאראנטירען, אז דאס פייער וועט זיך נישט אריבערכאפען, חו״ש, אויך אהער אין דער נייער וועלט.

### צוויי פייערן

בשעת אין דער אלטער וועלט ברענט א שטורמדיגער פייער וועלכער פארניכטעט ר״ל דעם אידישען גוף, ברענט דא אין אמעריקא א שטילער פייער וועלכער פארניכטעט די אידישע נשמה. די געוועהנליכע קאלטקייט און גלייכגילטיגקייט פון די היגע אידען צו תורה ואמונה, איז טאקע צוליעב דעם פייער אין דער אלטער וועלט, דא פערוואנדעלט געווארען אין שטילען פייער פון כפירה, וועלכער בושעוועט אבער נישט וויינינגער ווי דער פייער אין דער אלטער וועלט. דער שרעקליכער חורבן פון׳ם אידענטום אין אייראפא, האט די היגע אידען אין גאנצען מעביר על דעת געווען, ר״ל. זיי זעהן ניט, אז דער רבש״ע זאל זיך אננעמען פאר׳ן כלל ישראל. זיי ווערען געהארעוועט מיט דער איינציגער האפנונג, אז דאס אידישע פאלק וועט געראטעוועט ווערען דורך א זיעג פון דער וועלט - דעמאקראטיע, און זיי זעהען דערביי, אז מיט דער דאזיגער הילף האלט עס אויך ניט גוט, איז פון העלפען אין דעם זיעג פון דעמאקראטיע מיט אלע כחות, מיט געלד און מיט א אידישער ארמעע, טראכטען זיי נאך, אבער וועגען תשובה ותפלה, ווילען זיי נישט הערען. זיי קל והומר׳ן פאלש, אז אויב דער רבש׳ע העלפט נישט דעם תורה־טרייען אידענטום אין אייראפא, איז פאר דעם אמעריקאנער אידען אן ארויסגעווארפענע ארבייט צו זוכען הילף דורך ווערען פרומער, דאס וואס די היגע גייסטיגע פיהרער פאדערן פון זיי.

### דער רוף פון אמת

די גערופענע בלייבען דריבער טויב צו דעם רוף פון תשובה ותפלה, אבער אט די טויבקייט איז טאקע דער רעזולטאט פון דעם וואס די היגע גייסטיגע פיהרער האבען ביז איצט פערנאכלעסיגט צו קומען מיט דעם רוף פון אמת וועלכע די חז״ל האבען פארגעשריבען פאר אזעלכע פארצווייפעלטע צייטען. מען האט דא פערנאכלעסיגט צו דערצעהלען די אידישע מאסע, אז איינער פון די עקרי היהדות איז דער "אני מאמין בביאת המשיח", און אז אידער משיח וועט קומען מוז מען ערווארטען אזעלכע צרות ווי די איצטיגע, איז דערפאר מעגליך, אז דאס זיינען די חבלי משיח בעפאר די אידישע גאולה.

אין די פיינסטע היגע אידישע הייזער ווערט די אמונה בביאת המשיח אפען דערקלעהרט אלס א באבע־מעשה. דאס אידישע פאלק לעבט איצט איבער די חבלי משיח, דארף מען איצט תשובה טהון פאר האבען געבראכט אויף זיך די חבלי משיח, וועלכע וועלען חו״ש ווערען פיעל שרעקליכער אויב מ׳וועט איצט אויך פארפעהלען גוט צו מאכען דעם טעות. דער רוף מוז איצט פאדערן א פייערדיגע התעוררות לקבל פני משיח צדקנו. מ׳מוז אופהערען צו בעהאלטען זיך אונטער דעם מאנטעל פון פארעווע פרומקייט נייערט מ׳מוז האבען התעוררות פון טהרת הלב, טהרת המחשבה, צוריק צוברענגען די שוין געבוירענע קינדער צו תורה ואמונה... אהן דער גרייטקייט ארויסצוגעהן מקבל פנים זיין דעם משיח וועלען מיר חו״ש זיין ביים מלאך המשחית ניט בעסער פון אלע אנדערע פעלקער, מוזען מיר דאס צו פארשטעהען געבען אונזערע קינדער, זיי צו דערצעהלען די בעדייטונג פון "לאלתר לגאולה".

"לאלתר לגאולה" איז דער ענטפער אויף דער פראגע "ווארום שווייגט גאט? ער שווייגט ניט, נייערט ער דערמאנט אונז, וועקט אונז, וויל אונז ראטעווען.... "לאלתר לגאולה" איז אונזער רוף ווייל דאס איז דער רוף פון דער איצטיגער צייט. מיר רופען אלע אידען צו אנשליסען זיך אן דער מחנה ישראל וואס ווערט בעהש״י צוזאמענגעשטעלט פאר דיזען צוועק.

### אונזער רוף איז ווארנונג

"לאלתר לגאולה", זייט גרייט פאר דער באלדיגע גאולה. זי קומט מיט שנעלע טריט, כאטש איהר זעהט זי ניט. דער גואל צדק איז שוין הינטער דער וואנד און די צייט איז שוין זעהר קורץ. מיט דיזען אויפרוף באצוועקען מיר צו ווארענען יעדען אידישען יחיד. "לאלתר לגאולה" איז אונזער הארציגער וואונש צו יעדען איד.

בברכת התורה ואהבת ישראל,

יוסף יצחק.


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class Matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3,1917. Authorized December 30, 1937.